איז געווען ווי דער ווייטאָק פֿון אַן עקדעס,
6 ווען ער בייסט אַ מענטשן. און אין יענע טעג
וועלן די מענטשן זוכן דעם טויט, און אים
בשום אופֿן נישט געפֿינען; און ווילן גלוסטן
צו שטאַרבן, און דער טויט וועט פֿון זיי אַנטלויפֿן.
7 און דאָס געשטאַלט פֿון די היישרעקן איז געווען
ענלעך צו פֿערד גרייט צו אַ מלחמה; און אויף
זייערע קעפּ ווי קרוינען גלייך צו גאָלד, און זייערע
8 פּנימער, ווי די פּנימער פֿון מענטשן. און זיי
האָבן געהאַט האָר, ווי די האָר פֿון פֿרויען, און די
ציין זייערע זענען געווען ווי די ציין פֿון לייבן.
9 און זיי האָבן געהאַט פּאַנצערס, ווי פּאַנצערס פֿון
אייזן; און דאָס גערויש פֿון זייערע פֿליגל איז געווען
ווי דאָס גערויש פֿון רייטוועגן, בשעת אַ סך פֿערד
10 לויפֿן אין אַ מלחמה. און זיי האָבן וויידלען, ווי
עקדעסן און שטעכלקעס, און אין זייערע וויידלען
ליגט זייער מאַכט, צו שעדיקן די מענטשן פֿינף
11 חדשים לאַנג. זיי האָבן איבער זיך אַ מלך, דעם
מלאך פֿונעם תהום; אויף לשון־קודש הייסט ער
אבדון, און אויף גריכיש האָט ער דעם נאָמען
אַפּאַליאָן (פֿאַרדאַרבער).
12 דער ערשטער ווײ איז אַריבער; אָט קומען נאָך
צוויי ווייען נאָך דעם.
13 און דער זעקסטער מלאך האָט געבלאָזן, און איך
האָב געהערט אַ קול פֿון די פֿיר הערנער פֿון
14 דעם גאָלדענעם מזבח, וואָס שטייט פֿאַר ג־ט,
זאָגנדיק צום זעקסטן מלאך, וועלכער האָט
געהאַט דעם שופֿר: בינד אויף די פֿיר מלאכים,
וואָס זענען געבונדן ביים גרויסן טייך פּרת.
15 און עס זענען אויפֿגעבונדן געוואָרן די פֿיר מלאכים,
וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן צו דער שעה